# פרשת ויגש

**בס"ד. שיחת יום ג' שהוכפל בו כי טוב, לסדר "ותחי רוח יעקב אביהם",**
**ה' לחודש טבת, תהא זו שנת משיח,**

**יום בו ניתן הפס"ד לטובת חב"ד-ליובאוויטש, וכל עם ישראל הנלוים עליהם,**
**ו"דידן נצח", ו"יד החסידים על העליונה".**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

בשעת א איד געפינט זיך אין א מעמד בלתי רצוי, איז אפילו ווען ער איז שוין דערנאך ארויס דערפון – דארף ער מסביר זיין אנדערער (עאכו"כ זיך אליין), אז דאס איז ניט א זאך וואס ח"ו מקרה הוא, אדער דאס איז ניט א זאך ווארס איז ח"ו כדי מ"זאל בלייבן ביי דעם צער מיט דעם עגמת נפש, און דאס איז בכלל ניט א זאך פארבונדן מיט בני אדם,

- אע"פ וואס דעמולט איז דאס געווען נאך פאר מ"ת, עאכו"כ בזמנינו **לאחרי** מתן תורה, איז דאך נאכמער בגלוי ווי אזוי א איד מיט תורה איז דאס איין און איינציקע זאך, ביז "ישראל אורייתא **וקוב"ה** כולא חד",

אז בשעת "שלחני", אז מ'געפינט זיך אין א מעמד ומצב, וואס פאר א מעמד ומצב עס זאל נאר זיין – דארף מען באטראכטן, אז דאס איז אן ענין פון א שליחות,

און דאס איז א שליחות וואס "לא אתם שלחתם אותי", נאר וואס דען – דאס איז "כי אם האלקים",

און אין דערויף גופא האט מען אויך דעם ענין וואס מ'דארף דערפון אראפנעמען, ביז אין המעשה הוא העיקר, מעשה בפועל,

אז יעדער איד דארף מוסיף זיין אין זיין פעולות בעולם, און מוסיף זיין מתוך הכרה ברורה און א ידיעה ברורה אז ער איז א שליח פון אלקים!

וואס לכאורה האט דאך דער אויבערשטער דאס געקענט טאן באופן **גלוי**, און אין אן אופן פון הוי', פון מדת הרחמים –

האט דער אויבערשטער געוואלט אז דאס זאל גיין דורך דעם לבוש פון אלקים, אבער די כוונה איז די זעלבע,

ואדרבא: וויבאלד אז דא נעמט זיך פון אן ענין **שבסתר ובהעלם**, איז דאס א ירידה נוספת, כדי ס'זאל צוקומען אין דער עלי', ביז – אין עלי' שלא בערך,

און אין וואס באשטייט די עלי', אז יעדער איד דארף וויסן זיין, אז אומעטום וואו ער געפינט זיך און אין וואס פאר א **מעמד ומצב** ער געפינט זיך, האט ער אין דערויף א שליחות, און דאס איז א שליחות וואס איז טאקע אנגעטאן געווארן אין **האלקים**, אין א לבוש (לכאורה) המעלים ומסתיר – ס'איז אבער א קלארע זאך, וויבאלד אז מ'וויל אז מ'זאל דאס אראפברייינגען אין **פועל** – גיט מען א הוראה **ברורה**, אין "תורה **אור**", אז זי גיט ארויס אלע אירע ענינים אין א ליכטיקן אופן,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויגש

אז יעדער איד דארף זיך פאטראכטן, אז ער איז א **שליח**, און א שליח פון דעם **אויבערשטן אליין**, און נאך **העכער** ווי דער אויבערשטער שטייט אלקות בגלוי נאר – ווי ער שטייט אין אן ארט און אין ענינים וואס דאס איז לכאורה אלקים וצמצום –

אז דוקא דארטן זאל ער מגלה זיין, און "שלוחו של אדם כמותו", מיט דעם גאנצן שטורעם פון געטלעכקייט – אז ער פירט דארטן דורך די שליחות "לשכן שמו שם"

כתורת הבעש"ט (וואס נשיא דורינו האט איבערגעגעבן) אז דאס איז "מה' מצעדי גבר כוננו", אז וואו ער קומט, און אין וואס פאר א מעמד ומצב ער קומט – זאל ער דארטן "שמו" פון דעם אויבערשטן זאל ער דארפן מאכן דאס אין אן אופן אז עס זאל זיין "**לשכן**", וואס דאס איז דאך פון לשון "**משכן**" און "**מקדש**" (איקרי משכן), ביז "ושכנתי בתוכם" אנהויבנדיק אין זיינע **אייגענע** ד' אמות,

וואס דאס גיט דאך אויך א הסבר:

לכאורה, אז מ'האט טענות אין אן ענין וואס מ'האט אין דערויף אויפגעטאן גדולות ונפלאות, ובמיוחד זינט נשיא דורינו איז געקומען למדינה זו, אין דעם ענין במיוחד פון הפצת **המעינות חוצה**, ביז אויך אין אן אופן אז דאס זאל דורכנעמען די הפצת **היהדות** חוצה, אז אפילו אין אל"ף-בי"ת פון יהדות איז אויך ניכר אז דאס איז **דורכגענומען** און דאס ווערט פאראיינציקט מיט פנימיות, מיט דעם מעין, ביז דעם "מקור מים חיים" – מיט געטלעכקייט אליין –

פרעגט מען דאך די שאלה: וואס האט מען געדארפט האבן דעם "שלחני" אין דעם מעמד ומצב – מ'האט דאך נאך **פאר דעם** געטאן אין דערויף גדולות ונפלאות, ווי נשיא דורינו אליין האט אויף דערויף מעיד געווען פון "עמדו הכן כולכם" דערפאר וואס מ'דארף מערניט ווי "צופוצן די קנעפלעך",

איז בשעת מ'וויל ברענגען צו **נאך** א גרעסערע עלי', וואס דאס איז דאך דער איינציקער ביאור וואס מ'קען געפינען אלס א סיבה צו דעם דבר המבהיל און מצב המבהיל און די ספיקות אין וועלכע מ'האט זיך געפונען – כדי אז דורך דערויף זאל צוקומען כמ"פ ככה, און נאכמערער – פלא בערך אין הפצת המעינות חוצה,

במילא האט מען דאס אנגעטאן אין א טענה אז מ'איז ניט "פעיל", ניט "אקטיוו", און אין א טענה אז מ'נוצט ניט די כתבים מיט די ספרים מיט דברי אלקים חיים אין די פעולות פון הפצת היהדות חוצה, במילא איז דאס א שאלה צי דאס געהערט צו **דעם** ארט וכו' וכו',

וואס ככל הדברים האלה איז אויך אין **דעם** ענין.

בנוגע אויף וואס מ'דארף ארויסנעמען לכל לראש, טאקע מתוך שמחה, וואס שמחה פורץ גדר, מבטל כל מדידה והגבלה, אבער די שמחה דארף גלייך אריין אין א מעשה בפועל, און **פועל** זיין אין דער מעשה בפועל.

און ווי מ'איז **מסיים** דעם שיעור פון חומש, אז מ'זאל וויסן זיין, אז דאס איז די שליחות און די רייד וואס מ'האט געבראכט איז "ותחי רוח יעקב אביהם", וואס דאס איז דער **סיום** פון דעם שיעור.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויגש

און דורך וואס איז געווען דער "ותחי" אז בשעת יעקב האט געהערט די **דברי** יוסף און **מצב** יוסף, ווי רש"י איז מפרש אין פשוטו של מקרא

אז אע"פ וואס ער געפינט זיך אין מצרים, און אין מצרים איז ער פארבנודן מיט ענינים פון הנהלת המלוכה, דאס הייסט – ענינים של רשות, ביז אויך ענינים פון אומות העולם,

איז אט **דארטן** טוט ער אויף אז עס זאל זיין די התאחדות בתכלית השלימות,

ביז וואנענט אז מ'זאגט אז "אלה תולדות יעקב – יוסף", אז דוקא אין **יוסף'ן** אט דארט איז נתגלה געווארן דער תכלית השלימות פון יעקב'ן, וואס ער איז געווען דער "בחיר שבאבות" – דער תכלית השלימות פון אלע ג' אבות, דער **שלישי** שבהם, און **משולש** שבהם, כמדובר בארוכה און מבואר בארוכה.

© 2002 Jewish Educational Media, Inc.